# בית יעקב

יאַרגאַנג 10

ארגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

נומער 96

ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע. — מרחשון תרצ"ג



דאָס גרויסע נייע בוך
**די העלדין פון געטא**

וואָס קאָסט 5 גילדן גיבן מיר אָפּ
נאָר פאַר
**2.50 גילדן.**

קויפט אייך דאָס אינטערעסאַנטע בוך פאַר אייער משפחה!


# ד"ר שלמה בירנבוים

## (צו זיין צוואַנציק יעריקן יובל)

**תרצ"ב** איז געוואָרן צוואַנציק יאָר זינט ד"ר שלמה בירנבוים האָט זיך געשטעלט צו דער עבודה פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער שפּראַך - וויסנשאַפט און פון דער יידישער שפּראַך - פאָרשונג. זיין אַרבעט אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז געווען אַ געבענטשטע, וואָרן זי איז געטון געוואָרן מיט אַ לשם-שמימדיקער געטריישאַפט, מיט אַ ריינער און ערלעכער כוונה. זי איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דעם הייליקן רצון צו הייבן דעם כבוד און דאָס חשיבות פון יידיש, אָפּצוהיטן די יידישע נשמה פונים יידישן לשון, נישט צו לאָזן חלילה פאַרשוועכן איר ריינקייט און קדושה און צו פאַרמערן איר גרויסקייט, איר שיינקייט און איר באַנייאונג...

— — — — — — — — — — —

ד"ר שלמה בירנבוים אַקערט און זייעט, בויט און פלאַנצט אויף צוויי פראָנטן. אין דער ברייטער וויסנשאַפטלעכער עפנטלעכקייט פון דער אומות - העולמ-דיקער קולטור-וועלט און אין דער אייגענער היימישער יידישער מחנה — מיט זיינע ווערק, מיט זיינע פילאָלאָגישע און קולטור-וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, וואָס ער האָט געשריבן אין דער דייטשער שפּראַך, האָט ער זיך קונה-שם-געווען פאַר אַ גרויסן געלערנטן און פאַר אַן ערשט - מדרגהדיקן בר - סמכא, צווישן אַלע מערב-אייראָפּעישע גערמאַניסטן און סעמיטיסטן. — מיט זיינע ספרים אויף יידיש און מיט זיינע מאמרים אין די יידישע אויסגאַבן און זשורנאַלן, האָט ער געגעבן אַ שיינעם בכבודן צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור. — אַ סך טויזנטער יידן בכל-תפוצות-הגולה האָבן פון ד"ר שלמה בירנבוימס ווערק געלערנט, וואָס יידיש איז, און וואָס יידיש באַטייט סיי פאַרן יחיד, סיי פאַרן כלל, סיי פאַרן חול פון דעם יידישן לעבן, און סיי פאַרן קיום און פאַר דער קדושה פון יידישקייט.

אַ גאָר גראַנדיעזער און אמת-יידישער אויפטו, איז זיין אויסלייג. אַ וויכטיקער בנין, אַ תפארתדיק געביי פאַר דער יידיש-רעליגיעזער קולטור-וועלט...

— — — — — — — — — — —

אין דער היינטיקער ביטערער צייט פון מפּלה און ירידה, ווען מהרסים און בוגדים אַרבעטן מיט אַלע זייערע טומאה-כוחות צו אַסימילירן און צו באַלשעוויזירן דאָס יידישע לעבן, איז צו זען אין ד"ר שלמה בירנבוימס שליחות אַ באַשיימפּערלעכע סיעתא-דשמיא. וואָרן ד"ר שלמה בירנבוים, דער זון פון ד"ר נתן בירנבוים, דאָס אייניקל פונים ש"ך און פונים מהר"ם מפּאַדואַ זצ"ל, איז נישט נאָר דער קינסטלער און פאָרשער, דער דיכטער און דענקער, נאָר אויך אַ מלכותדיקער ייד, אַן ערלעכער עובד-השם, וואָס אַרבעט מיט התלהבות, מיט קדושה און מסירת-נפש, פאַר אונדזער אייביקייט, פאַר אונדזער קיום און פאַר אונדזער גרויסקייט...

**אלף-שין**


## פאַרלאַג „בית יעקב" לאָדזש

יידיש-שריפטן פון ד"ר שלמה בירנבוים

שוין אַרויס פון דרוק:

**א) יידיש ווערטער-ביכל**

רשימה פון בערך 6000 (זעקס טויזנט) ווערטער, פון יידיש און לשון-קודש, וואָס ווערן גענוצט אין יידיש. כללים פון אויסלייג, גראַמאַטישן מין, ביייגונג און וואָרט-קלאַס. סדר און פאַרשיידענע אָנווייזונגען.

יעדער וואָס שרייבט און לייענט יידיש, בפרט לערערשאַפט, מוז האָבן דאָס דאָזיקע בוך.

60 זייטן—בוך-פאָרמאַט—פרייז 1.25 זל.

**ב) גאולה פון לשון**

תוכן: (א) דאָס חשיבות פון יידיש (ב) דאָס שייכות פון טראַדיציע (ג) אָפּגעדראָשענע טענות (ד) לשון-נאַציאָנאַליזם (ה) אונדזער נאָכטאַנציניש (ו) אויסלייזונג פונים גלות-הלשון (ז) אַלף-בית פון אַרט. אויסלייג.

פרייז נאָר 40 גר. מיט פּאָרטאָ

**ג) ספּעציאַל-נומער פון בית-יעקב-זשורנאַל**

**יידישקייט און יידיש**

רעדאַקציע פון ד"ר שלמה בירנבוים

68 פּובליציסטישע און וויסנשאַפטלעכע מאמרים, מעשיות, לידער, זכרונות, בריוו, ציטאַטן, נאָטיצן.

50 גרויסע זייטן-פרייז נאָר 1 זל.

**ד) פּנו דרך**

העפט געווידמעט דעם עולים-געדאַנק.

רעדאַקציע: ש. בירנבוים, א. שינדלער, ש. אָסטערזעצער.

פרייז 50 גר. — אָן געלט ווערט נישט געשיקט!

אַדרעס: Red. „Bajs Jakow" Łódź, Kilińskiego 44

געלט-שיקן P. K. O 67 795

